STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07350

BEYGEL UN BIALI UN ANDERE POEZYE

Morris B. Wolf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בײגעל און בײגלי

אױן אַנדערע פּאָעזיע פֿון

מאָריס ב. װאָלף

הומאָר * ראָמאַנצעראָ * באַלאַדען * מעשה׳לעך



בייגעל און ביאַלי

און אַנדערע פּאָעזיִע פון

מאָריס ב. וואָלף

ערשטער באַנד

ערשטער אויפלאַגע

Printed by
NORTHBROOK PRESS, INC.
601 SKOKIE BLVD.
NORTHBROOK, ILL 60062

בייגעל און ביאַלי

Bagel and Bialy. Copyright © 1972 by
Maurice B. Wolf, Highland Park, Ill.

Printed in the United States of America.
All rights reserved.

צו מײַן טהײַערע טאַטע און מאַמע
מעקס און גאָסי וואָלף
און זייערע ליעבע פיר
אידיש.

פראַלאָג

מאַמע-לשון...

"מײַן מוטערלעכע שפּראַך,
"מײַן ייִדיש מאַמע-לשון,
"דײַן פּלעמעלע, מיר דאַכט,
"אַט ווערט עס אויסגעלאָשן.....

* * *

"און ס'קלינגט און זינגט און לאַכט
"דער גאַנצער וועלט אויף חידוש,
"מײַן יאָדערדיגע שפּראַך,
"מײַן מאַמע-לשון ייִדיש."

(צוויי סטראָפעס געשריבן פון דעם
אידישען פּאָעט יוסף קערלער,
וועלכער האָט געפירט אַ קאַמף העכער
פינף יאָר מ'זאָל אים אַרויסלאָזען
פון רוסלאַנד.)

דער אָנהייב

בייגעל און ביאַלי

אַ מאָל איז געווען
אַ חתן - כלה,
זיין נאָמען - בייגעל,
און אירעס - ביאַלי.

חופּה, חופּה,
זאָג שוין אַלע,
וואָס וועט זיין
מיט בייגעל און ביאַלי ?

אַ חתונה האָבן זיי געמאַכט,
געווען אין חודש ניסן,
די ווייבער האָבן אויסגעבאַקט,
די מענער ווין געגאָסן.

חופּה, חופּה,
זאָג שוין אַלע,
וואָס וועט זיין
מיט בייגעל און ביאַלי ?

געבאָרען אַ זון - בולקעלע,
דערנאָך א מיידעל - זעמעלניו.
"נאָך מעהר!" זאָגט ער.
"גענוג!" זאָגט זי,
"וואָס בין איך דאָן, אַ בעקערי?"

חופּה, חופּה,
זאָג שוין אַלע,
וואָס וועט זיין
מיט בייגעל און ביאַלי ?

אַ גט האָבן זייביידע געהאַט,
אוי וויי! פאַר יעדן ניט געדאַכט,
און יעצט אויס בייגעל און אויך אויס ביאַלי,
אַ דאַנק צו גאָט וואָס מיר האָבן נאָך חאַלי.

חופּה, חופּה,
זאָג שוין אַלע,
וואָס וועט געווען
אַז ניט פאַר חאַלי ?

דער פידלער פון ביאַליסטאָק

איך גיי מיך באַלד אין בית-עולם רוהען,
דאָקטוירים קענען פאַר מיר מעהר ניט טוען,
קום אַהער מײַן קינד און הער זיך צו
אַ ליעד פון דער פידלער פון ביאַליסטאָק.

כ׳בין דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
פון ביאַליסטאָק בין איך דער פידלער,
פידעלדי, פידעלדײַ, בים-בום-בים!

אויף חתונהס האָב איך געפידעלט,
מיט פורים שפילער אָפט געסקריפעט,
און אפשר אַ מאָל אויף אַ גוי׳שען לויה,
מײַן פידלען איז געווען פאַר׳ן טויטן אַ מעכאַיע.

כ׳בין דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
פון ביאַליסטאָק בין איך דער פידלער,
פידעלדי, פידעלדײַ, בים-בום-בים!

חסידים האָבן מיר אָפט אַיינגעלאַדען,
כ׳זאָל פידלען אויפן זייערע פאַרהיצטע טאַנצען,
און אַפילו האָב איך ווי אַ מאָל געפידעלט
און אַרויסגעטריבען וואַנצען פון עטליכע אַכסאַניע.

כ׳בין דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
פון ביאַליסטאָק בין איך דער פידלער,
פידעלדי, פידעלדײַ, בים-בום-בים!

פון מינסק ביז פינסק בין איך געפאַהרען,
מײַן פידעל און איך מיט׳ן פערד שיער געפרוירען,
פון אַדעס ביז ווילנע דורכן אַלע בלאָטעס,
כ׳האָב געפידעלט מיט׳ן פידעל פיר גראָשען און זלאָטיס.

כ׳בין דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
פון ביאַליסטאָק בין איך דער פידלער,
פידעלדי, פידעלדײַ, בים-בום-בים!

(זײַטעל צווײ פון דער פידלער פון ביאַליסטאָק)

איין מאָל אויפ מיר איז געפאַלען אַ גליק,
דער צאַר און צאַרינאַ האָבן נאָך מיר געשיקט,
פאַר זײ און גאַסט כ׳האָב געפידעלט מײַן פידעל,
און פון אַלע זײַטען האָבן זײ געזידעלט אַ ײדל.

כ׳בין דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
פון ביאַליסטאָק בין איך דער פידלער,
פידעלדי, פידעלדײַ, בים-בום-בים!

יעצט קען איך ניט מײַן פידעל מעהר ניט פידלען,
ניט אַפילו איין סקריפּע איז איך מיר געבליבען,
כ׳בין אַלט און גרוי און מײַנע פינגער זײַנען קרום,
און פידלען איז געבליבען פיר מיר בלויז איך זינען.

כ׳בין געווען דער פידלער פון ביאַליסטאָק,
ביאַלי-ביאַלי-ביאַליסטאָק,
באַגראָב מיר טיף איך ביאַליסטאָק,
מיט מײַן בים-בום-בים און מײַן פידעלדידײַ!

די ענדע.

ערב שבת

איך געדענק געדענק איך
די פרייטיקדיקע נעכט,
איך געדענק געדענק איך
די פרייטיקדיקע ליכט,
איך געדענק געדענק איך
מיין מאמע, איר געזיכט,
און דער שיין אויף איר פנים
פון די פלאמענדיקע ליכט.

איך געדענק ווי זיה'ט געשטאנען,
מיט'ן סערוויעטקע אופ'ן קאפ,
אנגעצונדען און געבענטשט
די פארטריעפטע ליכט,
איהרע הענט אויסגעשטרעקט
און איהרע אויגען גאט געבעטן,
מיט א ברכה איך האלז
און אויפ'ן ליפן ווי פרוכטן.

און נאכן בענטשן ליכט
געדענק איך פון די מאכלים,
וועלכע האבן געשטאנען
אויפ'ן טיש שבתדיקען,
געפילטע פיש און חריין,
שיסלען זופ און חאלע,
געדעמפטע ברוסט מיט בולבעס,
און אנדערע מעכאיעס.

איך געדענק אויכ'ט פון טאטן
מיט זיינע בארד און וואנצעס,
אנגעטאן איך שבתדיקע קליידער
אנשטאט וואכעדיקע טראנטעס,
א קדוש געזונגען
מיט א ניגון א שיינעם,
דאס אלעס געדענק איך מיט פערגניגען
און אפשר נאסע אויגען.

פענטעסטיק!

צוויי ווייבער טרעפן זיך אין גאס, און שמועסן:

מרס. ג: נו, וואס מאכט איר?

מרס ב: נישקאשע.

מרס. ג: און וואס איז מיט אייער דריי זין?

מרס. ב: אוי, מיין זין, כ׳קלייב אזוי פיל נחס פון זיי. מיין לייבל, דער דאקטאר, לעצטן יאר האט ער פארדינט אריבער פופציק טויזענט דאלאר.

מרס. ג: פענטעסטיק!

מרס. ב: און מיין פייוועל, דער אינזשעניער, לעצטען יאר האט ער פארדינט ניט ווייניקער פון זיבעציק טויזענט דאלאר.

מרס. ג: פענטעסטיק!

מרס. ב: און מיין מוישעלע, לעצטען יאר האט ער פארדינט מעהר ווי ניינציק טויזענט דאלאר.

מרס. ג: פענטעסטיק!

מרס. ב: נו, און וואס איז מיט אייך?

מרס. ג: מיט מיר איז אזוי. לעצטן יאר בין איך געגאנגען אין א "פינישינג סקול."

מרס. ב: וואס הייסט? און וואס האבן זיי אייך דארטן אויסגעלערנט?

מרס. ג: באלד פון ערשטן האבן זיי אונז געלערנט אז מיר מוזן אלע מאל זאגן "פענטעסטיק" אנשטאט "בולשיט"!

אריס מנין

ביינצן פייגל איך בוים געזעסן,
געקומען דאוונען שחרית,
איינער פון זיי פארגעסן זיין טלית,
געבליבען איז זיי אכצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
שווארצ און ווייס, גרויס און קליין,
דאוון פייגל, זאג דיתפילות,
גאט וועט אייך פארשטייען.

אכצן פייגל איך בוים געזעסן,
געקומען דאוונען שחרית,
איינער פון זיי פארגעסן זיין תפלין,
געבליבען איז זיי זיבעצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
בלוי און גרוי, גרויס און קליין,
דאוון פייגל, לייג די תפילין,
גאט וועט אייך פארשטייען.

זיבעצן פייגל איך בוים געזעסן,
געקומען דאוונען שחרית,
איינער פון זיי פארגעסן זיין סדור,
געבליבען איז זיי זעכצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
ברוין און געל, גרויס און קליין,
דאוון פייגל, זאג מה טבו,
גאט וועט אייך פארשטייען.

זעכצן פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
איינער פון זיי פאַרגעסן זײַן היטל,
געבליבן איז זיי פופצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
רויט און גרין, גרויס און קליין,
דאַוון פייגל, שרײַ שמע ישׂראל,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

פופצן פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
איינער פון זיי פאַרגעסן זײַן ציצית,
געבליבן איז זיי פערצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
שוואַרץ און ווײַס, גרויס און קליין,
דאַוון פייגל, זאָג קדיש יתום,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

פערצן פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
איינער'ז אַ ווײַב גענומען צו קימפעט,
געבליבן איז זיי דרײַצן.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
ברוין און גרוי, גרויס און קליין,
דאַוון פייגל, זאָג אַשרי יושבֿי,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

דרײַצן פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
איינער פון זיי פלוצלינג געשטאָרבן,
געבליבן איז זיי צוועלף.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
בלוי און גרוי, גרויס און קליין,
דאַוונען פייגל, זאָג שמונה עשׂרה,
גאָט וועט אײַך פאַרשטיין.

צוועלף פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרים,
איינער פון זיי געפרוירען געוואָרען,
געבליבען איז זיי עלף.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
ברוין און געל, גרויס און קליין,
דאַוונען פייגל, זאָג אבינו מלכנו,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

עלף פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
איינער פון זיי זײַן ווײַב גערופן,
געבליבען איז זיי צען.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
רויט און גרין, גרויס און קליין,
דאַוונען פייגל, זאָג והוא רחום,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

צען פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרים,
איינער פון זיי אַ רויב-פויג געגעסן,
געבליבען איז דאָך נייען.

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
טאַטעס, זיידעס, גרויס און קליין,
דאַוונען פייגל, זאָג שלשה עשׂר עקרים,
גאָט וועט אײַך פאַרשטייען.

נײַען פייגל אין בוים געזעסן,
געקומען דאַוונען שחרית,
אָן אַ צענטער ס׳ניט געווען קײַן מנין,
האָט יעדער פֿאַר זיך געדאַוונט אַלײן!

אוי, פייגל, פרומע פייגל,
מאָרגן קום צוריק אופֿן בוים,
דאַוון פייגל, זאָג תפלת ערבית לחול,
גאָט וועט אײַך פֿאַרשטײען.

די ענדע

שײנדעל

כ'האָב אַ קלײנע מײדעלע,
אַ טײַערע, שײנע מײדעלע,
כ'האָב אַ קלוגע מײדעלע,
שײנדעל איז איר נאָמען.

שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
גיב מיר אַ קוש, שײנדעלע,
איכ'ל דיר קויפֿן אַ דרײדעלע!

זיצ בײַ מיר, שײנדעל, אויפֿן קניען,
זיצ בײַ מיר, שײנדעל, אויפֿן קניען,
גיב אַ געלעכטער, גיב אַ געשרײ,
טרײַב אַוועק מײַן צאָר און װײ.

שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
מאַך מיט די אויגן, שײנדעלע,
איכ'ל דיר קויפֿן אַ זײגערלע!

זינג מיר אַ ליעדל, טאָכטערעל,
זינג מיר אַ ליעדל, טאָכטערעל,
צײַג מיר דײַן װײַסע, פּיצעלע צײנער,
געזונט זאָלן זײַן דײַנע זיסע בײנער.

שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
שײנדעל, שײנדעל, קום אַהער,
האַלט אויס דײַנע קלײנטשיקע פֿינגערלעך,
איכ'ל דיר קויפֿן דימענטלעך!

לעג זיך שלאָפֿן, שײנדעלע,
לעג זיך שלאָפֿן, שײנדעלע,
פֿאַרמאַך די פֿינקלענדע אויגעלאַך,
חלומט אַ חלום די גאַנצע נאַכט

שײנדעל, שײנדעל, זיסעניו,
שײנדעל, שײנדעל, זיסעניו,
װעק ניט, װעק ניט, לעבן מײַן,
ביז מאָרגען קרײעט די הוהן!

דער אַראוסגעוואָרפענער

פון אַמעריקע טראָג איך מײַן פעקעל אַהער,
און זינג דיר מײַן ליעד, שטעלט זיך אָפ
און הער,
אַזוי באַקאַנט איז מײַן ליעד אין די גאַנצע
וועלט,
אַז קיינער וויל ניט הערען, אַלע אויערן
זײַנען באַשטעלט.

כ׳בין אַלט אַפשר אַכצן, אַפשר נײַנצן אָדער
צוואַנציג,
אַ לערנער, אַן אַרבײַטער אָדער אונבעשעפטיגט,
כ׳האָב געהאַט אַ שיינע היים בײַם טאַטע און
מאַמע,
וועלכע זײַנען רײַך. ניט רײַך, אָדער אָרעם
אָהן פרנסה.

כ׳האָב ליעב פאַר אַמעריקע, כ׳האָב שטאָלץ אין
איר היסטאָריע,
כ׳ליעב די דרײַצן שטרײַפן און פופציק
שטערן פון פאַהן אירע,
כ׳האָב ליעב פאַר אַלע מענשן אַריבער די וועלט,
דעם ליעב וואָלט איך ניט פאַרקויפן פאַר
וויפל געלט.

ס׳עט געקומען די מלחמה אין דאָס לאַנד
וויעטנאַם ווײַט,
ס׳עט אַרײַנגעמישט אַמעריקע מיט אירע מאַכט
און שטאַרקקײַט,
"סעלעקטיוו סערוויס" האָט מיר גערופן אַז
איך זאָל ווערן
אַן אַמעריקאַנישער סאָלדאַט און צו וויעטנאַם
קערען.

כ׳בין ניט געווען שרעקעטיג און אויך ניט
אַ פעררעטהער,
אָבער איך קען ניט הרגנען אומשולדיגע מענער,
פרויען און קינדער,

כ'גלויב אין די גלײַכע רעכטע פון מענשען
אויף גענוס,
כ'גלויב ניט אין יענע מלחמה, פֿאַר מיר
פֿרײַהײַט איז זיס.

אַנטלויפֿט בין איך פון אַמעריקע, יעצט בין
איך פֿרעמד,
אַ יסום, אַן אַרויסגעוואָרפענער, אָהן היים,
אָהן לאַנד,
כ'האָב ניט קײַן טאָג און כ'האָב ניט קײַן נאַכט,
כ'האָב נאָר טרויעריקע יאָרען אין וואַנדערען
פֿאַרבראַכט.

כ'האָף אַז אין צײַט וועט די מלחמה זיך
ענדיגען,
ווען מענשען וועלן צוריקקומען צום שכל
אַ ריכטיגען,
און אַמעריקע וועט מיר אײַנלאַדן אַהיימצוקומען,
מעהר ניט זײַן אַ וואַנדערער, מעהר ניט
אַרומצודרייען.

אוי רבונו-של-עולם, הער מײַן ליעד, מײַן
געוויין,
ס'דאַכטזיך מיר אַז איר קענט מײַנע צאָרעס
פֿאַרשטיין,
האָב רחמנות אויף אײַערע בלינדע, נאַרישע
קינדער,
ברענג שלום צו אַלע הערצער און צו אַלע
שטעטער.

אַ טויטער וועלט

כ'ליג דאָ,
אַ בר־מינן פּריש באַגראָבן
אין קליינער בית־עולם
בײַשט ווײַט פון שטעטל
פון געבורט.

טויטע, אָרום און אָרום,
אונטער מצבות
מיט אָהנגעשריבענע נעמער,
כ'ווייס זיי אַלע,
שטיל ליגן זיי
אין פאַרשראָקענע שטילקײַט. –

כ'וויל זיי זעען־בין איך בלינד,
כ'וויל זיי גרוסן־בין איך שטום,
כ'וויל זיי הערן־בין איך טויב,
כ'וויל זיי צוגעהן־בין איך טויט.

א טויטער וועלט,
פאַרגליווערטע בלוט,
פאַרוויסטקײַט,
קאַלטע ווענט אָהן טיהרן
בלויז דער הימל אויבן אָפן ברייט,
און מיר שווײַגן שטיל
מעהר ניט די אָפגעטומעלטע פאַרגאַנגענהײַט,
שטיל
זײַנען יעצט מײַנע טעג און נעכט.

ווי וואויל איז צו מיר

כ׳האָב ניט קײַן זילבער,
כ׳האָב ניט קײַן גאָלד,
כ׳בין ניט אַ קלוגער,
כ׳בין ניט אַ יאָלד.

כ׳פערמעג ניט אַ פינגערל,
כ׳פערמעג ניט בריליאַנטן,
מײַן שטוב גאָר אַ קליינערל,
פראָסט זײַנען מײַנע זאַכן.

גאָלד איז מײַן ווײַבעלע, -
זילבער מײַן דרײַ קינדער,
געפינצ׳ך בײַ אונז אין הײַסקעלע
אַ היבשע ליעבע און געלעכטער.

ווי וואויל איז צו מיר,
וואָס איך האָב זוכע געווען,
ווײַל גאָט איז מײַן פרייד,
כ׳גיי מיט איהם אונטערטעניק.

אַ ייִדישע מאַמע

קינדערלאַך האָט זי געמאַכט,
אַלע יאָר, ביזן אַכט,
און דאַן האָט גאָט
איר געבערמוטער צוגעמאַכט.
געהאָדעוועט
אַלע אַכט,
חסונות
שיין געמאַכט,
אַלע אַכט, ביזן טויט
אירע אויגן צוגעמאַכט.
און אַז די חברה
האָבן דעם בר-מינן
אַראָפּגעפירט צום קבר,
איז געזאָגט אויף איר
אַז אין גן-עדן וועט גאָט
אָבשליסן איר געבערמוטער,
ווייל איר ליעבשאַפט
קען ניט רוען
אָהן קינדערלאַך.

אויס יידישקייט

וואס איז היינט געבליבן
פון יידישקייט?
פון שחרית, מוסף, מנחה,
און תפלת ערבית?
פון שבת ליכט און כשרקייט,
פון ישיבות און פון תורה לערנען,
פון יידיש ליעדער, שפראך
און ליטעראטור?
ס'איז בלויז געבליבן
ראש השנה און א יום כפור,
און א סאך מעהר ניט.
אוי וויי, אוי וויי,
אוי וויי איז מיר!

כ׳בין שטאַרק מקנא די תורה

שלום-עליכם האָט געשריבען
אַז ווען אַ ילד שטאַרבט
יום-כפור צו נעיהלה בײַים עמוד,
איהם מעג מען מקנא זײַין.
אָבער פאַר מיר איז עפעס
אַנדערש איבער וואָס צו מקנא זײַין.
ווען שמחס תורה קומט,
בין איך שטאַרק מקנא
די הייליגע תורה, ווײַיל
אַלע שיינע יונגע ווײַיבלאַך
און אַלע שיינע יונגע מיידלאַך
האַלטען און טראָגען און
ליעבען און הערען ניט אויף
צו קושען די תורה, און ניט
נאָר איין מאָל אָבער אפשר
אַ הונדערט!

Sha, shtil

214 I



Sha, shtil. *Ḥasidic song (After Idelsohn, Thesaurus, X, No. 214, I).*

אַבראָם און סאָרקע

ס'שטייט געשריבען אין אונזערע הייליגע תורה,*
אַז אַ ווײַב קען זײַן פאַר אַ מאַן אַ צאָרע,
אָבער צו דאָס מוזן מיר איין אמס צוגעבען,
אַ צאָרע קען זי זײַן ווען זי זאָגט פאַר אים
אַ ליגן.

אַבראָם און זײַן ווײַב זײַנען צום נעגעוו
געגאַנגען,
געקומען און דאָרטן געפונען אַ טרוקענהײַט
און הונגער,
געוואָלט איז אַבראָם באַלד אַוועק קײַן עגיפטען
געהען,
אָבער דאָרטן צו וואוינען וועט סאָרקע דאַרפן
זאָגן אַ ליגן.

אוי,סאָרקע, זיסע נשמה,
שיין ווי די זיבן וועלטען,
בלײַבן זאַלסטו אַבראָמס אַ געטרײַע
און ניט אַ ליאַלקע פאַר פערעאו!

סאָרקע, זײַן ווײַב, איז געווען אַ פרוי
זייער אַ שיינע,
און אַז די עגיפטענס וועלען איר זעהען וועלען
זיי זאָגן:
"זי איז זײַנעם אַ ווײַב, לאָמיר אַבראָם
הרגענען,
און געבן סאָרקע צו פערעאו, בײַ אים אַ ווײַב
צו בלײַבן."

איז אַבראָם דאָך געווען עפעס אַ חכם אַ ביסל,
האָט ער געזאָגט צו סאָרקע, לאָמיר קנאַקן דעם
ניסל,
איר וועט זאָגן צו זיי אַז איר זײַט מײַנעם
אַ שוועסטער,
און זיי וועלען לאָזן מיר לעבן מײַנע יאָרען
צום לעצטער.

אוי, סאָרקע, זיסע נשמה,
שיין ווי די זיבן וועלטען,
בלײַבן זאָלסטו אַבראָם אַ געטרײַע,
און ניט אַ ליאַלקע פאַר פערעאו!

זײַנען אַבראָם און סאָרקע אין עגיפטען
אַרײַנגעגאַנגען,
און צו זיי האָט סאָרקע דערצעהלט דעם גרויסר
ליגן,
געזעהן האָבן זיי אַז סאָרקע איז טאָקע אַ שיינע,
האָבן זיי איר גענומען צו פערעאו אין פאַלאַץ
צו בלײַבן.

און דערפאַר איז אַבראָם טאָקע אַ גביר געוואָרען,
ערווערבט האָט ער מאַנכע שעפסן, אָקסען און
עזלען,
אַלעס איז געווען אַ פאַרגעניגן ביז גאָט האָט
אָנגעהערט,
אַז סאָרקע פאַר איר מאַן האָט געזאָגט אַזאַ גרויס
אַ ליגן.

אוי, סאָרקע, זיסע נשמה,
שיין ווי די זיבן וועלטען,
בלײַבן זאָלסטו אַבראָם אַ געטרײַע,
און ניט אַ ליאַלקע פאַר פערעאו!

דאָס איז ניט גאָט געפעלט, און ער איז
געוואָרען אין כעס,
און אויף פערעאו אין פאַלאַץ האָט גאָט אַרײַנ-
געשיטן מגפות,
געפאַלען קראַנק און אויכ׳ט טוידט בײַ
פערעאו אין פאַלאַץ,
איז מאַנכע פון זײַן משפחה און אויכ׳ט
זײַן ליעבלינג קאַץ.

איז פערעאו דערשראָקען געוואָרען און געשיקט
נאָך אַבראָם,
און צו אים געטענה׳ט "אַבראָם, וואָס האָט
איר צו מיר געטאָן?

"פאַרוואָס האָט סאַרקע געזאָגט אַז זי איז
אייער אַ שוועסטער,
"און מיר געלאָזט נעמען פאַר׳ן ווײַב נומער
הונדערט און צענטער.?"

אוי, סאַרקע, זיסע נשמה,
שיין ווי די זיבען וועלטען,
בלײַבן זאָלסטו אַבראַם אַ געטרײַיע,
און ניט אַ ליאַלקע פאַר פעראו!

"נעם סאַרקע, ווער פאַרבלאָנדזעט, איר האָבן
גוט אָפּגענאַרט מיר,
"און בעט אַייער גאָט ער זאָל טשעפּענען זיך
אָפּ פון מיר."
איז אַבראָם און סאַרקע גיך פון עגיפּטען
אַרויסגעגאַנגען,
און מיטגעשלעפּט אַלע פון זייערע שעפּסען,
אָקסען און עזלען.

פון דעם געשיכטע פון תורה זעט מען דרײַ
פון די צען געבעט:
"לא תנאף"--נישט ליעגען מיט אַ ווײַב פון
אַן אַנדערען!
"לא תגנב"--נישט גנב׳ע, נישט גזל! און
צום דריטן
"לא תחמד"--נישט געלוכטען די ווײַב פון
אייער נאָכבאַר!

אוי, סאַרקע, זיסע נשמה,
שיין ווי די זיבען וועלטען,
בלײַבן זאָלסטו אַבראַם אַ געטרײַיע,
און ניט אַ ליאַלקע פאַר פעראו!

---

* דזענעסיס, 12, לך, לך.

די לבנה

זאָג מיר, לבנה,
ווער שטייט אין דער הימעל
ווי אַ קעניג
צווישען די שטערען,
זאָג מיר:
וואָס זעהט איר
אין דאָס ווײַטסטע לאַנד?

סאָלדאַטען וואָס הרגענען
קינדער, פרויען, באָבעס און זיידעס?
אַטאָמישע וואַפען, אַ טעל
צו מאַכען די גאַנצע וועלט?
לופט-שיפען מיט באָמבעס?
אַרטילעריע און ביקסען
און קאַנאָנען, וואָס
שיסען און הרגענען
גאָט'ס קינדער?

קענט איר זעהען
אין וויעטנאַם,
וואו מעהר ווי פופציג טויזענד
אַמעריקאַנישער יוגענט,
אין הילצענער זאַרגן
געלעגען גלײַך
און קאַלט און
ווײַס, פאַר אומזיסט
זייער בלוט געגעבן?
אַך! אַ משוגענע
וועלט, ניין, לבנה?

פאר א׳זעלבער אויסקוקעניש
קען איך אייך ניט
מקנא זיין, לבנה.
מיר דאכט אז
ווען די שווארצע וואלקען
בלאזען אן זייערע באקן
און דעקען איבער אייער פנים,
זיינען זיי אין כעס
און בעדעקען אייער טרערען
איבער וואס טוט זיך אין
די געפערליכע וועלט.

ענטווארט מיר, לבנה,
קענט איר מיר זאגען
ווען עס וועט זיין א סוף
פון די ביטערע געוויין
און טרערען אין די וועלט?
קענט איר מיר זאגען ווען
שלום וועט קומען צו
וויעטנאם, ישראל, פאקיסטאן?
קענט איר מיר זאגען
ווען דיק און ספיראו
וועללען ענדיגען זייער
בלוט ארבייט און קומען
צום שכל? א׳ניט, לבנה,
פרעג גאט.

ליעבען

איינס און צוויי
און דרײַ און פיער,
איך גלײַך אַ מיידעל
און זי גלײַכט מיר.

שיין ווי די וועלט,
האָר רויט און לאַנג,
בלאָהע אויגן,
אַ קאָל ווי געזאַנג.

בײַ טאָג און נאַכט
ס׳ציטערט מײַן הערצ,
איך מוז איר האָבען,
אַ׳ניט, איך פּלאַצ.

איצט האָב איך איר,
אַזוי דענק איך,
אַבער אפשר ס׳איז
אַז זי האָט מיך!
(איר ווייסט שוין וואו.)

15th of Shevat



Let us all plant trees in Israel
on Tu Bishevat.

ער איז טאַקע א פרומער

סאַרקע: נו, גאַלדינקע, ווי בעהט עס מיט אײַך?

גאַלדע: נישקאַשע.

סאַרקע: ווי גלײַכט איר אײַער צווייטער מאַן?

גאַלדע: נישקאַשע.

סאַרקע: ער איז אַ פרומער, דען?

גאַלדע: און ווי נאָך אַ פרומער! ער טראָגט צוויי פאַר ציינער. איינער פאַר מילכעדיגס, דער אַנדער פאַר פליישעדיגס!

סאַרקע: און וואָס טראָגט ער פסח?

גאַלדע: ער גייט אָן ציינער!

איז גאָט אין זײַן
משפט גערעכט?

ס'איז זעהר שווער
צו ערקלערען
די יסורים פון
קראַנקהײַט
צו אַ געזונטער.

אָדער צו ערקלערען
אַ פּראָו'ס ערגערניש
צו אַ מאַן.

אָדער צו ערקלערען
אָרימקײַט
צו א רײַכער.

אָדער צו ערקלערען
די ווייען פון
געבורט
אָדער מפּיל זײַן.

ס'איז טאַקע שווער.
בלויז גאָט
קען עס פערשטעהן.

ביז 120

ס׳ שטייט געשריבען אין תורה
אז אדאם האט געלעבט 930 יאהרן,
סעטה 912
איינאש 905
קענאן 910
מאהאלעל 895
דזערעד 962
אינאך 365
מעטהוסעלאה 969
לאמעך 777, און
נאוא 500.
און ביז׳ן טויט,
האבען זיי אללע געמאכט קינדער,
אפילו ביז א הונדערטער,
אן חסונה׳ס - גארנישט!
גענוג שוין, האט גאט אנגעמאלדען,
איך בין גאט, זיי נאר פליייש,
פון איצטער, ביז 120 און מעהר ניט!
אזוי שטעהט עס געשריבען אין תורה.
בקיצור הדבר,
לעצטע וואך האב איך געוואלט ארויסנעמען
א פערזיכערונג צייגניס,
און דער מאן פון דער פערזיכערונג
געזעלשאפט האט מיר געצייגט
ווי ס׳שטייט געשריבען
ביי יהם אין בוך,
אז אפשר וועל איך לעבען
(אזא מזל זאל איך נאר האבן!)
ביז׳ן 70.
האב איך יהם עהרמאנט וואס
גאט האט בעשלוסן וועגען 120.
האט מיר דער מאן געראטהען אז,
אויב אזוי, בעסער זאל איך
ארויסנעמען א צייגניס
מיט גאט. נו, געהזשע,
זיי א חכם!

אַ ווײַב

ווען אײער ווײַב קלאָגט
און װײנט,
ווײַל זי האָט
גאַרנישט צו טראָגען,
זאָג איר אַז אָט אַזוי
וועללען די מענער
גלײַכען איר בעסער.

גאָפּלען און מעסערס

כ'האָב געלעזן אין "פאָרווערטס"
אַז גאָפּלען זײַנען
באַנוצט געוואָרן אין אייראָפּע
אין 8טען יאָרהונדערט, און אַפילו
דערמאָנט געוואָרן אין תנ"ך.

אַז אַפילו די גאָר פרימיטיווע
מענשען, וועלכע האָבען גאָר ניט
געוואוסט פון קײַן מעטאַל,
האָבען זיך געשניצט
מעסערס פון שטיין.

איך האָב נײַעס פאַרדער רעדאַקטאָר
פון "פאָרווערטס", א. יאַקובזאָן.
מײַן קינדער, לעבען זאָל זיי,
ווייסן נאָך ניט פון מעסערס
אָדער גאָפּלען אָדער לעפלען.

זיי נעמען פלייש
מיט גראָבע הענטלאַך,
רײַס אָפּ אַ שטיק,
שטופּ אין מויל אַרונטער,
און נאָכדעם לעקען
זיי די פינגער,
איינס און צוויי,
ביז'ן פינפטער.
וואָס גאָפּלען, ווער מעסערס?

הײנטיקע עלטערן

איך לעז אין מײן צײטונג יעדער טאָג,
װעגען אונזער אידישע שאַנדע-פֿאָלק,
פֿון אַן אַדװאָקאַט װעלכער שוכרט אַ ריכטער,
צו בעפֿרײען זײן שולדיג קליענט,
פֿון אַ מעקלער װעלכער שװינדעלט אַן אַלמנה,
װעגען גנבים, פֿאַרברעכער, און פֿילע יודען,
װעלכע זײנען װאָך-טעגליכע געזעצלאָז מענשען
און אויף שבת אָדער יום-טוב װערען זײ
שולגעהער.
ס׳איז קײן װאונדער װאָס אונזער הײנטיגע
קינדער,
װײטערען זיך פֿון יודענטהום און זײערע
עלטערן.

געדענקען

יאָהרן צוריק, אין דער גרויסער
דיפּרעשאָן, האָב איך געדאַרפט
אַוועקגעהען פון דער היים,
אַ לעבען מאַכן פאַר זיך און עלטערן.
אײדער אַוועקגעהן, האָבן
זיי מיר געבעטן זיצען,
און זיי האָבן מיך געגלעט
און מיר געבעטן און געראַטהען:
קינד, דו ביסט אַ איד,
און אַ איד זאָלסטו בלײַבן,
אָבער אַ גוטער, אַ פײַנער;
האַלט שטאַרק די תּורה,
און פערגעס ניט אַז אַלע
מענשען זײַנען ברידער,
שוואַרצ און ווײַס און געל,
ס'מאַכט ניט אויס דער פאַרב-
מיר זײַנען אַלע פון איין גאָט,
און דער אָרעמאַן איז אַזוי
גוט ווי דער רײַכער, זאָלסט
אים העלפן און אים געבן ברויט
און צו טרינקן, און אַז דו
וועסט קענען זאָלסט אים העלפן
אַ לעבען מאַכען. שרײַב אָפטער
און קום צו זעהען אָפטער.
און איין זאַך מעהר: אַז דו
וועסט קענען, גיי צוריק
אין שולע און קריג אַ
העכערע בילדונג, אפשר אַ
דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט,
בלויז איין זאַך: זײַ אַ מענש!
און מיר האָבן געקושט און
געוויינט, און איך האָב ניט
פערגעסען וואָס זיי האָבן מיר
געבעטן און געראַטהען.

איך בין אַ ייִד!

זיצ מײַן פרײַנד,
און הער מײַן ליד,
איך בין דער וואַנדערער,
דער געטריבענער ייִד.

געוואַנדערט האָב איך,
פון לאַנד צו לאַנד,
מײַן געלט צוגענומען,
מײַן נאָמען אַ שאַנד.

גענומען האָבן זיי,
מײַן היים און מײַן סחורה,
געהאַרגעט מײַן קינדער,
געברענט מײַן תורה.

געלאַכט האָבן זיי,
פון מײַן באָרד און מײַן פאוס,
געגעבן האָבן זיי
מײַן געוויין און מײַן צאָרעס.

איך גאַנצן האָבן זיי
מיר געוואָלט פאַרניכטן,
דאַרף איך דיר ערמאָהנען
פון די היטלער געשיכטען?

אָבער יעצט, מײַן פרײַנד,
כ׳האָב געקומען אַהיים,
צו ערצ ישראל,
מעהר ניט צו דרעהען.

יעצט קען איך פרײַ לעבען,
מיט שטאָלצ און מיט עהרע,
יעצט האָב איך אַן אָרט
צו וואוינען מיט חברע.

און איצט, מײַן פרײַנד,
כ׳האָב געענדיגט מײַן ליד,
כ׳בין אויס אַ געטריבענער,
כ׳בין אַ ישראליקער ייִד!

בײַס דײַן צונג !

מײַן מאַמע האָט אַ מאָל געראַהטען:
ווען עס ווילט אַ ליגען זאָגען,
בײַס דײַן צונג!
וויפיעל מאָל האָב איך געביסן,
וויפיעל מאָל מײַן צונג צוריסען,
וויפיעל מאָל האָב איך געוויינט
פון דאָס שמערצ פון ביס און ריס,
וויפיעל מאָל מײַן מויל פערמאַכט,
זאָל ניט דאַרפען בײַסן-רײַסן?
אפשר צוויי, אפשר פיער, א פ ש ר –
בײַס דײַן צונג!

אַ געזאַנג צו מײַן פרײַנד דייוויד ווײַט

ווי אַ מאָרגען שטיי איך אויף גאַנס פריה,
שפאַן אַן מײַן פערדעלע ראָזאַלי,
און פאָהר מיך גלײַך אַרײַן אין דער וואַלד,
אַנטלויפט פון טומעל און וועלט גוואַלד.

געפין איך דאָרטן די שטימע פון גאָט,
אַ שטילע, הייליגע פרײַד, אָהן דראַנג,
דאָרטן וואַקסן די ביימער צווישן גראָזן און בלומען,
און מען הערט נאָר דעם פויגל׳ס געזאַנג.

דאָרטן זעה איך אין דער גרויסאַרטיגן מאָרגן,
די קליינע טהוי-טראָפן וואָס גלאַנצן ווי בריליאַנטן,
די לופט אַ מאָל שאַרף ווי אַ ווינטערדיק ווינט,
און פיעלײַכט דעם זילבערנעם שימער פון טײַכל.

דאָרטן הער איך קײַנע קלאָגן אָדער זאָרגן,
דאָרטן זעה איך אַ לעבן צופרידן און רײַך,
דאָרט איך די ווײַטקײַט אַלע פריהמאָרגן,
שטייען די ביימער, שיין, שטיל און גלײַך.

דאָרטן זעה איך קײַנע מאַרקן אָדער גאַסן,
אָהנגעפאַקט מיט מאַשינען אָדער מענטשן,
דאָרט מײַן פערדל און איך אַיינטהמען די לופט,
אַ לופט וואָס איז פרײַ פון בעפלעקונג.

אָבער באַלד געגען ווילען מוז איך קערן צוריק,
צוריק צו די ווילדע צוקאָכהײַט פון לעבן,
פון דעסטוועגן כ׳האָב געכאַפט אַ שטונדע מיט נאַטור,
אַ שטונדע וואָס מאַכט מײַן לעבן ווערדיג און לענגער.

ירושלים

איך שטיי בײַ׳ם וועג,
פון דאָרט ביז דאָרטן,
אײַנגעבויגן זײַנען
מײַנע קרומע צווײַגען.

אַ בוים בין איך,
איך גאָט געראָטען,
מײַן בלעטער ברוין,
מײַן שטאַם געשפּאָלטן.

מײַן אויגען זעהען
ווײַט איבער ימען,
אַ שטאָט וואָס הייסט,
ירושלים.

ניט ווײַט בירשיבאַ,
אַשדאָד און אַשקעלאָן,
וואו האָט קאָמאַנדעוועט יהושוע
די זון זאָל ניט רירן.

דאָרט געפינט זיך לידן,
אַראַבען און קריסטן,
און מוטער רחל׳ס קבר
ליגט ניט ווײַט אין העבראָן.

אַהין קומען זיי יעצט,
פון אַריבער די וועלט,
זיי לויפען, אָבער,
ניט נאָך געלט.

לידן יונג און אַלט,
זיידעס און באָבעס,
געבאָרען פון טאַטעס
און לידישע מאַמעס.

זיי האָבן געחלומט,
פאַר טויזענטע יאָרען,
איצט איז זייער הלום
אַן עמעס געוואָרען.

יעצט קען איך האַלטן
מײַן קאָפּ אַראָפּ,
מעהר ניט אַיינגעבויגן,
מעהר ניט געשפּאָלט.

איצט קוועלט מײַן האַרץ,
כ'האָב געלעבען צו זעהען,
ייִדן נאָך אַ מאָל
אין ירושלים!



קדש

גרוסן פֿאַר אַ שיינעם פּסח

די צייט

אין זייגער שלאָגט א קליינער האַמער,
עס שלאָגט טיק-טאַק, טיק-טאַק,
און מעהר ניט ווייסט אַ זייגער טוען,
קיין שכל האָט ער, נאָר ער קלאַפּט.

ער רעכענט אויס די צייט פון טעג,
ער רעכענט אויס די צייט פון נעכט,
ער זיצט גאַנץ רוהיג אויפן פּאָליצע,
דערווײַלע געהט די צייט אַוועק.

דער ווײַזערס פון דער זייגער דרעהען,
קײַקעלווײַז, ווי משוגענע הינט,
פון איינס ביז צוועלף זיי דרעהען זיך,
איינער פאַמעלעך, דער אַנדערער גיך.

די צייט ווייסט גאָרניט פון די וועלט,
זי האָט ניט קיין פאַרשטאַנד,
זי ווייסט ניט פון די נויט פון מענשען,
פון שלאָגן ברויט, פון טוידט, פון לעבען.

זי ווייסט ניט פון פאַר'משפט'ע אידען,
וועלכע זיצן אין סאָוועטישען טורמעס,
זי ווייסט ניט פון מיטל-מזרח מלחמהס,
פון דרום-וויעטנאַם אָדער סאַודי-אַראַביעס.

די צייט איז ווי אַן אַלטע מויד,
זי הערט גאָרניט און וויל ניט וויסען,
זי לויפט, אָבער ווייסט ניט וואו זי געהט,
זי וואַרט ניט פאַר מענש אָדער נויט.

מען קען ברעכען !
(פון אַזאַ געדיכט)

איך זומער בלאָזט אַ ווינט אַ וואַרעמער,
איך ווינטער בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער,
איך פריהלינג בלאָזט אַ ווינט אַ פרישער,
עס בלאָזט און בלאָזט – און איך ווער עלטער.

מײַן שפיעגעל קוקט מיר גלײַך אין אויגען,
און צײַגט מיר וואָס איך וויל ניט גלויבן,
באַר איינער! זאָגט צו מיר מײַן שפיעגעל,
איר זײַט מעהר ניט אַ קינד אין מאַמע׳ס וויגעל.

מײַן ביינער שרײַען מיט אַ רײַסענדען קול,
בייגען ווילען זיי ניט ווי אַ מאָל,
עס זומזעט מיר אין קאָפּ אַ ביסעל,
דעריבער זיי רופען מיר קנאַק-ניסעל!

מײַנ קינדער, זאָלען זיי אַלע לאַנג לעבען,
ווילען מײַן קרעכצען מעהר ניט הערן,
מײַן איידים שרײַט:"ער איז שוין דאָ, דער נודניק",
איך האָב עס אין באָד, דער גראָבער יונגניק!

שטאַרק ווי אַ פערד בין איך געווען,
און אויכ׳ט קלוג ווי אַ רעביצין,
אָבער יעצט איז בײַ מיר אַ קרענק אַ פאַרשלעפטער,
אַ סאַך צו רעדען, ווייניק צו הערן.

געלעבט האָב איך אַ חזירשען טאָג,
געהאַט ניט קײַן דאַגהס, געהאָט ניט אַ קלאָג,
יעצט האָב איך קאַדאָכעס און עפשער אַ מכה,
כ׳בין אויסגעמאַטערט, און אויסגעמוטשעט טאַקע.

וואָס איז די ונטערשטע שורה פון מײַן געדיכט?
פאַר וואָס האָב איך אײַך אַ טשײַניק געהאַקט?
איצט וועל איך עס מאַכען קײַלאַכדיג און שפיציג:
ס׳איז מעהר ניט אַלס קרעכצען פון אַן אַלטער פאַסקודני

ער און זיה

װאָס קאָכט איר דאָרטן,
װײַבעלע שײַן?
קאַשע קאָך איך,
פֿאַר דיר אַלײן.

װאָס שײַערט איר דאָרטן,
זיסעניו קלײן?
טעפּלאַך שײַער איך,
זאָל זײַן רײן.

װאָס װאַשט איר דאָרטן,
צאַצקעלע מײַן?
פֿלאַשן װאַש איך,
פֿאַר הײליגע װײַן.

װאָס זינגט איר דאָרטן,
װי אַ פֿױגעל שײן?
אַ מאַמעליד פֿאַר
אַ זינגל קלײן.

װאָס נעהט איר דאָרטן,
קאַצעניו מײַן?
אַ שלאָף-העמדל נעה איך
פֿאַר אַ זון דײַן.

קײַן קינד האָב איך ניט,
נאַרעלע מײַן.
דאַגע ניט, װײַל איך שװאַנגער
דרײַ װאָכען שוין!

װאו פֿליהט איר, מײַן מאַן,
װי אַ הוהן אָן אַ קאָפּ?
איך געה אין בית-המדרש
אָפּדאַנקן גאָט.

אַ מאַמעליד

שלאָף מײַן קינד, מײַן זיסער פֿייגעל,
דײַן מאַמע וועט קויפֿן פֿאַר דיר אַ דריידל.

דײַן טאַטע אַרבעט שווער און ביטער,
צו מאַכן אַ לעבען, ס׳דאָ יעצט אַ דריטער.

חלומט אַ חלום, אָבער זאָל עס זײַן,
אַ חלום פֿון גוטסקײַט, זיס ווי ווײַן.

אונדזער גאָט איז גרויס, און ער איז גוט,
געגעבן האָט ער דײַן קלאָרע בלוט,

ס׳וועט קומען דער צײַט, ווען דו וועסט זײַן,
אַ טלמיד חכם, אַלעווײַ, זון מײַן.

האָב אַ ריינע האַרץ און אַ ריינעם געוויסען,
לויף ניט נאָך געלט, ס׳וועט דיר גאָרניט פֿאַרדריסען.

האַלט שטאַרק די תורה, דײַן גאַנצער לעבען,
כאַפּ ניט איבער די מאָס, און גאָט וועט דיר געבען.

שלאָף, שלאָף, מײַן טײַערעל,
מײַן איינציגער, מײַן קאַדישל,
וועק ניט, וועק ניט, זיסעניו,
ביז מאָרגען מעלקט די קו.

דער חזן און זײַן כאָר

מײַן שול האָט ניט קײַן ווענט פון שטיינער,
ס'שטייט ניט אין קײַן רײַכע שטעטער,
קײַן מאַרמאָר-שטיין לעגען ניט צום-פוס,
מײַנע צוהערער האָבן ניט גאָלד אָדער זילבער.

כ'בין אַ חזן, אָהן אַ בימע, אָהן געלט,
מײַן בית כנסת די גאַנצע וועלט,
מײַן כאָר האָט מעהר ווי אַ טויזענד שטימען,
זייערע אינסטרומענטען פון גאָט געגעבען.

סאָפראַנאָ קוויטשען אַלע פייגלען,
מיטל-שטימע זומזען די אינזיקן,
באַס-שטימע קוואַקן אַלע זשאַבעס,
צוזאַמען זיי זינגען אַ ניגון אַ שיינעם.

דער ווינד העלפט אויס מיט אַ פײַף, אַ ווילדער,
די ימים טומלען מיט גרויסע יללוס,
דער ווינד בלאָזט אויך אַ קלאָרע שופר,
מיט אַ תקיעה, אַ טרועה, און תקיעה גדולהס.

זמירות און קדוש מאַכען זיי,
שמע ישראל אַלע שרײַען, ווינד און וויי,
לכה דודי לקראת כלה,
און שלום עליכם טרעלײַקען זיי.

זיי טרימקען און גאַרגלען צום אייבערשטער
טאָג און נאַכט,
זייער שול איז עפעס גאָר אַ פראַכט,
זיי זוכען ניט ממון, ניט בעריהמט צו ווערען,
פון אַזאַ חזן און כאָר מעג די גאַנצע וועלט קווועללען.

אַ צרָה גדולָה
(של?ם-של?ממַזל)

כ'זיץ אין מײַן שטוב
אײנער אַלײן,
עלענד און אײנזאַם,
אַוואו זאָל איך געהן?

כ'קוק דורכן פענסטער,
זע אין דרויסן אַ מײדעל,
שפאַצירטזיך פאַמעלאַך,
טראָגט אַ שײן קלײדל.

כאַפ איך מײַן קאַפעליוש,
שטעל אויפן קאָפ,
גיב מיר אַ וואַרף אַרויס
גיך ווי אַ מויז.

"אַ גוטן טאָג, שײנעלע,
"וואָס איז דײַן נאָמען?"
גיט זי מיר אַזאַ קוק,
גוט איז מיר ניט געוואָרן.

כ'לאָז מיך צוריק
אַרײַן אין מײַן שטוב,
עלענד און אײנזאַם
אַוואו זאָל איך געהן?

כ'קוק דורכן פענסטער,
זי'ט געגאַנגן אַוועק,
געבליבן אומעטיג,
כ'האָב ניט קײַן גליק.

טאָג ווערט שוין נאַכט,
ס'איז אַ פינסטערן סוף,
דער באַר שטײט אין ווינקעל,
קוקט מיר אָן און לאַכט.

"ודאָס איז צו לאַכן?
"זאָגמיר, וואָס האָב איך געטאָן?"
גיט ער מיר אַ שמייכל
דער באַר שטופּט מיר אָן.

"צו אַ פרעמדע מיידעל
"צום ערשטע מאָל,
"פרעגט מען ניט:
"וואָס איז דײַן נאָמען?"
מע זאָגט: "אַייער נאָמען"
פאַרשטייסט יעצט, שלימאַזל?

פורים צײַט

קעצן קראַצן, הינטן בילען,
אין די קלײנע שטעטלאַך,
קינדער שפּילן, טאַנצן פרײלעך,
וואַרפן שטײן און טעפּלאַך.

ס'איז דער צײַט אין חודש אדר,
ווען בלויז אײן מאָל אין יאָהר,
קומט דער פרילינג און דער יום־טוב,
פורים, שײן און קלאָר.

יענטע, בײלקע, פּיני, חײַקע,
אַלע טראָגען זיסע זאַכען,
טײגלעך און די פּײַנסטע טאַשן,
אין טישטוכלן ווײַס בעהאַלטן.

ס'איז דער שלח־מנות צײַט,
ווען דיענסטען כאַפּן גראָשן,
ס'איז דער צײַט פון פורים שפּילער,
אסטר, מרדכי און המן.

יאָ, הײַנט איז פורים,
מאָרגען איז אויס,
לעז מײַן בריוועל,
אָבער וואַרף עס ניט אַרויס!

ערעב ראש השנה

קום אַהער מײַן קינד,
און הער זיך צו,
אַ מעשהלע, וואונדערליך שיין,
פון אַ יִנגעל גלײַך ווי דו.

ס׳יז געוועז ערעב-ראש השנה,
אפשר עלף אַזייגער בײַ נאַכט,
אַלע זײַנען אין הויז געשלאָפן,
בלויז איך ניט.
קוק איך דורכען פענסטער, און
פון ווײַטען אין דעם הימל,
כ׳זעעס פליהט פון דאָרטן עפעס,
דאַכטזיך ווײַס.

כאַפּ איך גיך מײַן טעלעסקאָפּ,
און קוק מיך אָן דאָרט ווײַט אין הימל,
און זע אַ מלאך פליהט אַרונטער
גלײַך צום ערד.
איך זײַן הענט טראָגט ער אַ בינטעל,
אַיינגעוויקעלט אין טישטוכעל,
און איך טראַכט צו מיך אַליין:
וואָס טראָגט ער דאָרטן?

אָבער אַז דער מלאך קומט אָן נענטער,
ווערט עס קלאָר ער טראָגט איך זײַן הענטער,
אַ בשמהלע! ס׳יזדעם נײַעם יאָר!
לאָז איך אויס אַזאַ געשריי,
וועקט מײַן טאַטע - און, אוי וויי,
ס׳ניט שיין צו זאָגן וואו ס׳טוט מיר
איצט, אַזאַ וויי!

שפּיל מיר אַ לידעל

זון מײַנער, זון מײַנער,
שפּיל מיר אַ לידעל,
שפּיל מיר אַ לידעל
אויף דײַן אַלטינקע פידעל,
שפּיל מיר אַ לידעל
פול מיט טרויער און שמאַרץ,
אַ ליד וואָס וועט רײַסען
און אַ שלעפּ טאָן מײַן האַרץ.

אוי מאַמעניו, מאַמעניו,
וואָס זאָל איך אײַך שפּילען,
וואָס זאָל איך אײַך שפּילען
אויף מײַן אַלטינקע פידעל?
זאָל איך שפּילען וועגן אָרימקײַט?
זאָל איך שפּילען וועגן נויט?
וועגן איינער אַ יתום?
וועגן הונגער אָן ברויט?

אוי זונעלע, זונעלע,
ליבער זון מײַנעם,
שפּיל מיר אַ לידעל
וועגן טרערען און לײַד,
וועגן מיידלעך אָן חתנים,
וועגן קינדער אָן טאַטעס,
וועגן דאָס וואָס וועט רײַסען
פון מײַן קאָפּ אויגען נאַס.

ניין מאַמעלע, מאַמעלע,
דאָס קען איך ניט שפּילען,
דאָס וויל איך ניט שפּילען
און פאַרוואָס, הער מיך אויס,
גענוג האָסטו געוויינט
אין פאַרגאַנגענע יאָרען,
גענוג טרערען געגאָסען
זינט איר האָט מיר געבוירען.

אוי זונעניו, זונעניו,
געזונט זאָלסטו זײַן,
טאָ וואָס ווײסטו שפּילען
פֿאַר אַ פֿאַרוויסטע אַלמנה?
אַ אידישע מאַמע
דו ווײסט דאָך אַלײן,
האָט ליב מער פֿון אַלעס,
אַ ביטער'ן געוויין.

אוי מאַמעניו, מאַמעניו,
כ'דערמאָן וועגן יאָרען צוריק,
כ'געדענק ווי איר האָט געזונגען
זיסע לידער צו מיר אין וויג,
יעצט וועל איך שפּילען
ביט אַ טרויעריקן ליד,
כ'ל שפּילען דעם זעלבען מעלאָדיע
וואָס געהערט נאָך פֿון דער וויג.



סדר הגדה של פסח
ואמרתם זבח פסח

דער קוגעל ליגט מיר אויפן פנים

פילאזאפן האבן געשריבען,
וויסענשאפטליכע ביכער וועגען ייִדן,
"וואס און ווער איז א ייִד?"
פרעגן זיי, און מאנכע ענטפערס
געבן זיי,
און ווען ענדיקן זיי זייער ביכער,
בין איך ניט געוויס אדער זיכער
וואס אדער ווער איז א ייִד.

טא הער זיך צו צו אט די וויצען,
דער קוגעל ליגט מיר אויפן פנים:

א ייִד, איר דארפט וויסן, קען אלע מלאכות:
פסח איז ער א בעקער,
שבועות א גערטנער (גערטעניירער),
תשעה-באב א זעלנער (א בעל-מלחמה),
סוכות א בוימייסטער,
חנוכה א בלייגיסער,
ראש-השנה א שופר-בלאזער,
און א חזן אוואדע אויף אללע יום-טובים.

סארא טייערער מענש איז א ייִד -
אפילו ווען ער שמירט די רעדער
דאווענט ער!
א ייִד - וואס ער איז,
קיין נאר איז ער ניט.
ווען זינגט א ייִד? -
ווען ער איז הונגעריק.
ווען האט א ייִד א גוטן טאג? -
אויפן צווייטן טאג נאך קדחת.

אַ ייִד, אָז ער צעברעכט
איין פוס און איין האַנט,
זאָגט ער: "אַ גליק,
וואָס איך האָב דעם אַנדערן
אויך ניט צעבראָכן!"
בײַם ייִד איז דרײַ ייִדישע תענוגים:
(1) אַ פריילעכער בית-עולם,
(2) אַ וואַרעמע מיקווה, און
(3) אַ ליכטיקע לבָנה.
יָאה עניותא לישרָאל!

אַ ייִד האָט ניט קײַן מַזל,
ווי עס פאַלט אַ שטיין טרעפט ער אַ ייִד;
"אַתה בחרתָנו מכָל העַמים", מאַכט רַשי:
"דער ייִד ליגט אין דער ערד און באַקט בייגל!"
דעם ייִדנס שׂימחה איז מיט אַ ביסל שרעק –
זײַן ברירה איז אַ שיינע גזירה!
וואָס העלפט דעם ייִדנס יללות,
אַז ער בלײַבט סײַ ווי אין גַלות?

דעם ייִד מיטן וואַנדער-שטעקן
געפינט מען אין אַלע עקן,
ווי מען וואַרפט אַ שטיין
דאָרט טרעפט מען אַ ייִד,
ברעכט אויס אַ זעמל, שפרינגט אַרויס אַ ייִד;
אַ ייִד האָט אַכט און צוואַנציק פראָצענט פַחד,
צוויי פראָצענט צוקער
און זיבעציק פראָצענט חוצפה!
גאָט זאָל אָפהיטן פון ייִדישער חוצפה,
ייִדישע מײַלער און ייִדישע קעפ, ווײַל
פון ייִדישע רייד קען מען זיך
ניט אָפוואַשן אין צען וואַסערן!

דער ייִד ענטפערט תּמיד פֿאַרקערט:
זאָגט מען אים שלום עליכם,
ענטפערט ער: עליכם שלום.
אַ ייִד איז אַ מילדער: פֿאַר אַ
גוט־מאָרגן צעוואַרפֿט ער זיך
און ווינטשט אײַך אַ גוט־יאָר!
"באַשׂה ונשמע" — אַ ייִד זאָגט אַלץ צו.
אַ ייִד קען ניט אויסהאַלטן קײַן רָוב טובֿות,
אַזוי איז בײַ אונדזערע ייִדן דער מינהג:
שטאָמער איז בײַ זיי יאָ אַ מאָל אַ סדר,
פֿרעגן זיי: מה נשתּנה!

אָן נסים קען אַ ייִד ניט לעבן,
ייִדיש עשׂירות קומט מיטן ווינט און געהט
אַוועק מיטן רויך.
ייִדיש עשׂירות מישטיינס געזאָגט:
פֿון תּעניתים ווערט מען רײַך.
אַ ייִד, אַז ער פֿאַרמאָגט מערידן און אַ שָבר,
איז ער פּטור פֿון תּקיעות און שבָרים.
ווען איר דענקט אַז איר זעהט דרײַ
ייִדן פֿאַרנדיק, זײַט ניט נאַריש, ווײַל
ס'איז בלויז צוויי ייִדן און אַ ליטוואַק
ווער פֿאַרמאָגט דעם וואָגען!

צום ענדיגען קען איך אײַך דאָס זאָגן:
בלויז פֿון אײַך זאַך קענט איר זיכער זײַן,
אַ ניט־ייִד איז אַ גוי!

פּײַװעל־שמוליע

װער בין איך, פרעגט איר?
כ׳בין פּײַװעל־שמוליע, דער שוסטער,
אַן אָרימער, פֿאַרשװאַרצטער נפש,
איך גאָט׳ס הענט - אַ שװאַרצער טאָבל.

שיך אָרום און אָרום,
אַן פּאָדװעשע, אַן שטריק,
זיצען זיי בײַ מיר איך צימער
אָנגעפּאַקט װי צו כל נדרי אַ שול.

אײַנגעבויגן איך פּײַן,
כ׳זע אין מײַן שװאַכקײַט דעם פּײַן
פֿון מײַן דאָר און זײַן שאַנד,
און איך האָב זיך פֿײַנט.

כ׳װאָלט איך אַ טפּיסע,
כ׳װיל אויפֿרײַסן די צעל
און פֿון מײַן שטיװעל אָװעקלײפֿן
װי אַן אָפּגעשטראָפּטער, דערשלאָגענער הונט.

כ׳װיל שפּאַצירען איך אַ פֿרײַער גאָס,
אין הימל װאָלקנס און די זון אָנזעהען,
אָטעם צו כאַפּן, אָנקוקן די װעלט,
פֿרײַנט טרעפֿן און מיט זיי מאַכן שפּאַס.

פֿאַרװאָס קען איך ניט אויסשעפּן דעם פּײַן,
דעם פּײַן װאָס געפֿינצעך ניט קײַן נאָמען?
כ׳האָב געליטען שטומערהייד און קאָן ניט מער,
כ׳האָב זיך פֿײַנט, װי אַ מאַן זײַן פֿאַרטריקנטע
האַנט.

כ׳בין פּײַװעל־שמוליע דער שוסטער,
איך קאָפּ טראָג איך אום מײַן חלום,
די אויסגעבענקטע שעה פֿון אויסלײזונג װעט קומען,
דערװײַלע לײַדן װעל איך מוזן סײַ־װי־סײַ.

שמאַטעס און אַייזען און בלײַ אַלערלײַ

די קינדער לויפן דורך׳ן גאַס,
מיט באָרוועסע פיס זיי פאַרטרעטן אַלעס,
דורך אַלע בלאָטעס און אַלע שמוץ,
זיי הוליען און שרײַען און ווערען נאַס.

דערווײַלע זיץ איך אויף מײַן וואָגען,
און שרײַ אַן צום פערדל, "פאַשאָל, פאַשאָל",
"גיכער, נו, וואָס טראַכט איר דאָרטען,
"פון האָבער און היי, און אפשר אַ גאָרטען?"

כ׳בין אַ האַנדלער פון אַלטע שמאַטעס,
פון אַייזען און קופער און בלײַ און טראַנטעס,
כ׳האָב מײַן אייגענעם פערד און אייגענעם וואָגען,
ביידע אַלט און ביידע אַ ביסעל צובראָכן.

אין וואָגען ס׳ליגט וואָס איך האָב געקויפט,
אַן אויווען, אַ וואַש-צובער, אַ צעבראָכענער לאָמפ,
דרײַ זעק מיט שמאַטעס צוגעבונדען מיט שטריק,
און שטיקער פון אַייזען און בלײַ אַלערלײַ.

כ׳שרײַ צו די ווײַבער אין די אַלטינקע הײַזער,
"רעגס אַלײַ, רעגס אַלײַ, ווער וויל פאַרקויפען",
כ׳שרײַ און איך שרײַ און איך בעט אַז זיי אַלע
זאָלן צו מיר פאַרקויפן וואָס זיי ווילן ניט מער.

און די שקצים לויפן שטענדיק נאָך פערד און וואָגען,
מיט באָרוויסע פיסלאַך דורכן בלאָטע און נאַס,
זיי שפאָטען מײַן געשריי און שרײַען אַלע העכער:
"אָט קומט דער ייד מיט זײַן באָרד, אוי וויי".

כ׳ווייס שוין יענע שקאָצים, כ׳ווייס זיי גוט,
כ׳נעם אַרויס מײַן בײַטש און כ׳צײַג עס צו זיי,
אַ׳ניט וועלען זיי מיר אין גאַנצען בערויבען
מײַנע שמאַטעס און אַייזען און בלײַ אַלערלײַ.

ביז איך קום אַהיים אַ פרײַטיק בײַ נאַכט,
בין איך גוט פאַרמאַטערט און גוט פאַרשמאַכט,
מיט צוריסענע הויזן און פאַרלעכערטע שיך,
אַזוי צו גרוסן מײַן ווײַב און דרײַ קינדערלאַך.

ווען זיי הערן מיר קומענדיק, מײַן ווײַב און קינדעו
געשווינדער לויפן זיי צו צו מיר מיט געשרייען,
אַ שפרינג אויפן וואָגען טוען אַלע דרײַ קינדער
און האַלטען נאָר קושען מײַן שמוציקער פּאָנים.

"אַ גוט שבת, מײַן מאַן!" רופט מיך אָן מײַן ווײַב,
"שפאַן אויס דאָס פערד, גיי געשווינדער אין הויז,
"וואַשטזיך גוט, מײַן מאַן, ס׳איז באַלד די צײַט
"אַרײַנגעהען אין שול, איר האָט אויך יאָרצײַט.

אין הויז איז וואַרעם און עס שטייט שוין אין קיך,
אָנגעגרייט פאַר מיר אַן ערעב-שבתדיקען טיש,
אַשיסל זופ מיט חאַלע, און אפשר אַ מאָל,
אָן עק פון הערינג און פיעללײַכט געפילטע פיש.

כ׳פאַרגעס מײַנע צאָרעס, כ׳פאַרגעס מײַנע ווייען,
ווען איך זע אַזאַ ווײַב בײַ מיר אין דער היים,
ס׳ניט דאָ אין די וועלט קײַן קעניג אָדער גוויר,
וועלכער קלײַבט נאַכעס ערעב-שבת מער ווי מיר!

(געשריבען אין אָנדענק פון מײַן טאַטע-מאַמע.)

פורים בָא!



המן רַא!
רַא מְאד המן!

גרוסן פאַר אַ פריילעכן פורים

ס׳יז פורים!

ליעבע לעזער, ליעבע פריינד,
כ׳וויל אייך עפעס זאגן היינט,
נעם א ביס
פון עפעס זיס,
פיעלייכט א המן-טאש.

איין טאג אין יאהר פאר אלע יידן
קומט א יום-טובדיק גן-עדן,
ס׳ווילט זיך נאשן
טארטען און מאראנצען
פון שלח-מנות טעלערל.

ס׳יז היינט א טאג צו זיין צופרידן,
ס׳יז היינט ביי אונז געקומן פורים,
מיט טייגעלעך
מיט קישעלעך
און מאהנדעלעך און ראזינקעס.

די המן-קלאפערס קלאפן היינט,
די גראגערס רוישן, אוי געוואלט,
און אלע שונאים אונזערע
זינט המן ביז די היינטיגע
כאפן קלעפ און מכהס אויך.

גוט יום-טוב, יודן, מזל-טוב!
א פורים אייך א פריילעכן
ביז נעכסטן יאהר
זאלסט לעבן נאר
א צוקער לעקעך זיסען יאהר!

עם ישראל חי!

ייִדל, ייִדל, הער מײַן לידל,
הער מײַן קול און הער מײַן פידל,
לאָמיר טאַנצן, לאָמיר זינגען,
לאָמיר הערן אַ פריילעכן ניגון!

היינט איז דער געבורטס׳ס-טאָג
פון מדינת-ישראל,
היינט איז אַ וואונדערבאַר יום-טוב:
ס׳איז ישראל אינדעפּענדענס דיי!

טאָ שרײַ:

עם ישראל חי!
נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל:
עם ישראל חי!
זאָל קלינגען אַריבער די וועלט!

פון תל אָביב ביז היילענד פּאַרק,
פון מאָסקווע ביז וואַשינגטאָן,
בעגריסט יודענטום דיעזען טאָג
מיט פרייד און מיט געזאַנג:

עם ישראל חי!
לאָמיר הערן נאָך אַ מאָל:
עם ישראל חי!
זאָל קלינגען אַריבער די וועלט!

א י נ ה אַ ל ט

א י נ ה אַ ל ט :

זײַט

1. בייגעל און ביאַלי
2. דער פידלער פון ביאַליסטאָק
4. ערב שבת
5. פענטעסטיק!
6. אויס מנין
10. שיינדעל
11. דער אַרויסגעוואָרפענער
13. אַ טויטער וועלט
14. ווי וואויל איז צו מיר
15. אַ יִדישע מאַמע
16. אויס יִדישקײַט
17. כ׳בין שטאַרק מקנא די טורה
18. אַבראָם און סאָרקע
21. דיא לבנה
23. ליעבען
24. ער איז טאַקע אַ פרומער!
25. איז גאָט אין זײַן משפט גערעכט?
26. ביז 120
27. אַ ווײַב
28. גאָפּלען און מעסערס
29. הײַנטיגע עלטערן
30. געדענקען
31. איך בין אַ יִד
32. בײַס דײַן צונג !
33. אַ געזאַנג צו מײַן פרײַנד דייוויד ווײַט
34. ירושלים
36. די צײַט
37. מען קען ברעכען!
38. ער און זי
39. אַ מאַמעליד
40. דער חזן און זײַן כאָר
41. אַ צרה גדולה
43. פורים צײַט
44. ערעב ראש-השנה
45. שפיל מיר אַ לידעל

זייט

47. דער קוגעל ליגט מיר אויפן פּאָנים
50. פייוועל-שמוליע
51. שמאטעס און אייזען און בליי אלערליי
53. ס'יז פורים!
54. עם ישראל חי!

וועגן דער שרײַבער

About the Author

Maurice B. Wolf is a lawyer in Chicago, Illinois, and resides with his wife, Maxine, in Highland Park, Illinois. He is deveoted to the perpetuation of Yiddish, teaches it to adults in the evening, and on week-ends entertains Jewish residents of homes for the aged with stories in Yiddish. He has a son, Gordon, in Israel, and two daughters, Susan and Elizabeth, in college.